בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

מקץ

ל' כסלו תשפ"ג

גליון מס': י

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:05 |
| מוצש"ק | 5:21 |
| ר"ת | 5:58 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:19 | סוז"ת א' | 9:25 |
| סוזק"ש ב' | 9:04 | סוז"ת ב' | 9:56 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

## טיב הפרשה

# די עבודה פון א אידן – ער זאל זיך מתבונן זיין אין יעדע מעשה און וויסן – וואס וויל מען פון אים אין הימל

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר ווי אזוי די שבטי קה קומען אן קיין מצרים און יוסף הצדיק באשולדיגט זיי אז זיי זענען אהערגעקומען צו שפיאנירן די לאנד מצרים. די שבטים רעדן צווישן זיך און נעמען די שולד אויף זיך, אז עס איז פאר זיי א שטראף אויף דעם וואס זיי האבן נישט רחמנות געהאט אויף יוסף הצדיק, ווען ער האט זיך געבעטן ביי זיי אז זיי זאלן אים שוינען.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די מעשה זעט מען דא א געוואלדיגן לימוד. די נאטורליכע רעאקציע פון א מענטש ווען מען לייגט אויף אים א בילבול איז, אז ער באשולדיגט דעם וואס פארדעכטיגט אים, אז ער האט אים נישט גוט באהאנדלט, אבער די שבטי קה האבן זיך נישט אזוי געפירט.

גלייך ווען עס האט זיי באטראפן די צרה, האבן זיי אנגעהויבן מאכן א חשבון הנפש אויף אלע זייערע מעשים וואס זיי האבן אמאל געטון. זיי זענען צוריק געגאנגען צוויי און צוואנציג יאר פריער, ווען זיי האבן פארקויפט יוסף, און מקשר געווען די צוויי זאכן, אז זיי זענעןביידע געקניפט און געבונדן איינס מיטן צווייטן.

די שבטי קה האבן געהאלטן אז זיי האבן ריכטיג געטון ווען זיי האבן אינאיינעם דן געווען יוסף הצדיק למיתה. אבער יעצט, ווען זיי זענען געווען אין אן עת צרה, האבן זיי געמאכט א חשבון הנפש און אנגעהאנגען אז זייער צרה, קומט וועגן די יעניגע מעשה.

אט די התנהגות פון די הייליגע שבטים איז א הוראה לדורות. עס קומט אונז לערנען אז ווען א מענטש מאכט מיט א שוועריגקייט, אויך אויב די צרה קומט צו אים דורך א בעל בחירה, זאל ער נישט תולה זיין די צרה אין יענעם, נאר אין אים, ווייל אויב ער וואלט געווען אן ערליכער איד, א תמים במעשיו, וואלט די צרה

<<< | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### – ◆ בימים ההם בזמן הזה ◆ –

אסאך ניסים זענען געשען צו אונז און צו אונזערע עלטערן אין אלע דורות, און פונדעסטוועגן האבן חז"ל נישט באשטימט קיין יום טוב אויף דעם. פאר רוב פון די ניסים איז נישטא קיין מגילה אדער אנדענק. אויב אזוי, דארף מען פארשטיין, פארוואס האט מען באשטימט די טעג פון חנוכה און פורים אלס ימים טובים און מיט וואס זענען זיי אנדערש פון די אנדערע טעג אין וועלכע עס זענען געשען ניסים?

דער ענטפער צו אט די קשיא געפינט זיך אין די ווערטער "בימים ההם בזמן הזה", ווייל חז"ל האבן באשטימט ימים טובים דווקא פאר די ניסים וועלכע האבן זיך נישט געענדיגט אין די צייט וואס זיי זענען געשען. למשל דער נס חנוכה, וואס ווי באקאנט איז די מלחמה געווען אנטקעגן דעם נפש און נישט אנטקעגן דעם גוף, און אין זכות פון די מסירות נפש פון די חשמונאים (וואס זייער אויפשריפט איז געווען "מכבי" – מ'י כ'מוך ב'אלים י'ה) האט מען באזיגט די יוונים, און דער נס האט זיך נישט געענדיגט דעמאלט, נאר עס גייט אן ווייטער אין יעדן דור.

אויך אין אונזער צייט זעען מיר ווי די סטרא אחרא קעמפט מיט יעדן דבר שבקדושה. פרובירט אריינברענגען אומגעוואונטשענע לערנונגען ביי די תינוקות של בית רבן און מאכט פינאנציעלע שוועריגקייטן פאר יעדן וואס שטעלט זיך נישט צו צום מיינונג פון די מתיוונים, מיט א רדיפת הדת ממש אזוי ווי בימים ההם. און ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרים אז יעדן יאר ווערט נתעורר די קליפת יון וועלכע איז היפך פון קדושה.

אבער זה לעומת זה, אין די טעג פון חנוכה ווערט אויך נתעורר ביתר שאת דער כח פון די הייליגע חשמונאים, וואס דאס איז דער כח וואס טוט אונטערטעניגן די קליפת יון. לאמיר זיין שכל'דיג און נישט אריבערלאזן די טעג אן צו מכניע צו זיין אונזער פריוואטע קליפת המתיוונים, פון אונזער צייט, און אין די זעלבע צייט געדענקען אז די קליפת יון, אויך די כלליות'דיגע, קען מען אונטערטעניגן דורכן אויפהייבן דעם פאָן פון "מי לד' אלי".

צינדנדיג די הייליגע ליכט וועלן מיר געדענקען אז די מלחמה פון די יוונים האט זיך טאקע אנגעהויבן "בימים ההם", עס האט זיך אבער נאכנישט געענדיגט, נאר עס גייט אן ווייטער "בזמן הזה", ביז עס וועט געהעריג אונטערטעניגט ווערן בקרוב "והיתה לה' המלוכה".

טיב ההודעות

זמנים אויף קבלת קהל 0534-100024

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רביטביץ | עורך: ש. גולדשטיין

נישט געקענט קומען אויף אים.

עס האט מיר דערציילט א איד אז אין זיינע יונגע יארן האט ער אסאך געליטן פון זיין פרוי. זי האט אים דערביטערט דאס לעבן אז ער האט עס נישט אויסגעהאלטן. דער איד איז געווען א בעל מדריגה און אנשטאט ער זאל באשולדיגן זיין פרוי אז זי איז אזא און אזא סארט, האט ער זיך געמאכט א חשבון הנפש און געזוכט וואו ער קען זיך אליינס פארבעסערן און וואונדער! פלוצלונג האט זיך אלעס איבערגעדרייט און איר באציאונג צו אים איז געווארן מענטשליכער און העפליכער.

דאס איז דער וועג. אז א איד גייט אריבער א צער אדער א וויטאג, אפילו אז עס זעט אים אויס אז יענער איז אים גורם דעם צער, זאל ער נישט טראכטן אויף יענעם און אים באשולדיגן. אנשטאט דעם זאל ער מאכן ביי זיך אליין א חשבון הנפש און זען ווי אזוי ער קען זיך פארבעסערן. ער זאל פארשטיין אז די צרה איז פאר אים ווי א ווארנונג פון הימל אז ער דארף זיך פארבעסערן.

נישט אלעמאל ווייסט א מענטש וואס ער דארף זיך פארבעסערן. די עצה אז מען זאל יא וויסן איז צו זען לויט די שלעכטס וואס עס האט אים באטראפן, ווייל השי"ת באצאלט פאר א איד מידה כנגד מידה.

דער גוטער באשעפער האט ברוב רחמיו אזוי אויסגעשטעלט, אז די שטראפן זאלן זיין מידה כנגד מידה, כדי דער מענטש זאל זיך קענען דערוועקן פון דעם וויסן וואס השי"ת וויל פון אים און צוטרעפן די נקודה וואו ער דארף ווערן בעסער און זיך פארריכטן.

דער געדאנק איז אויך מרומז אין דעם פסוק 'ולך השם חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו'. לכאורה איז שווער צו פארשטיין וואס איז דער גרויסער חסד אז השי"ת באצאלט פאר איינעם לויט זיינע מעשים? עס איז דאך יושר אז א מענטש זאל באצאלט ווערן לויט זיינע מעשים.

נאר דאס גייט נישט ארויף אויף די שכר וואס א מענטש וועט באקומען, עס גייט ארויף אויף עונשים וואס השי"ת שטראפט דעם מענטש ווען ער טוט אן עבירה. ווען דער באשעפער איז מעניש א מענטש באקומט ער א שטראף מידה כנגד מידה, לויט די מעשה וואס ער האט געמאכט און מען וויל ער זאל פארריכטן און דאס איז א געוואלדיגער חסד, דורך דעם ווייסט דער מענטש וואס ער האט צו פארריכטן.

איך האב אמאל געהערט פון הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל וואס האט געזאגט אז אפילו היינטיגע צייטן, אין דעם גרויסן הסתר פנים, איז אבער דא איין זאך וואס מען זעט בחוש, דאס איז דער ענין פון מידה כנגד מידה און דאס איז א גרויסער חסד, אז אויך אין א צייט ווען עס איז נישטא קיין כהן און קיין נביא, קען מען אויך וויסן וואס מען מאנט פון אונז פון הימל.

זאל השי"ת געבן אז מיר זאלן זוכה זיין צו נתקרב ווערן צו השי"ת און קענען מתקן זיין אלע פגמים און מיר זאלן שוין זוכה זיין אז עס זאל נתגלה ווערן די גאולה שלימה בקרוב ובמהרה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## אין די ריכטיגע סעקונדע

עס איז געווען שפעט ביינאכט, ווען מיין דריי יעריגער קינד האט אנגעהויבן צו מאכן יאמערליכע קולות.

מיר האבן זיך דערשראקן. איך בין אראפ פון בעט און אים געפרעגט וואס האט פאסירט, ער מיר אנגעוויזן אויף די ציינער. ער האט געהאט שטארקע ציין וויטאג. עס איז געווען אינמיטן די נאכט און מיר האבן נישט געוואוסט וואס מיר קענען טון מיט אים. מען האט אים געגעבן בארויגונג מעדיצינען, געמאכט באקאנטע סגולות קעגן ציין וויטאג, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן, דער קינד האט נישט געקענט קומען צו זיך.

דער זייגער האט זיך געדרוקט און מיר האבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אים. זוכנדיג וואס מיר קענען טון מיט אים אין אזא שעה, האבן מיר אריינגערופן אין אפיס פונעם ציין דאקטאר.

מיר האבן אינזינען געהאט איבערצולאזן דארט א מעסעדזש אז מען זאל אונז צוריק רופן גלייך אינדערפרי, ווען מען עפנט אויף דעם קליניק, אבער צו אונזער וואונדער איז נישט געווען קיין גרעניץ, ווען דער דאקטאר האט געענטפערט דעם טעלעפאן.

הערנדיג פון וואס עס רעדט זיך האט ער געהייסן אז מען זאל שוין אריבערקומען און ער וועט עס ערלעדיגן אויפ'ן פלאץ. מיר האבן געכאפט אונזערע זאכן און אריבערגעלאפן צו אים אויף א באהאנדלונג.

עס האט נישט געדויערט לאנג, דער דאקטאר האט באקוקט דעם קינד און אים באהאנדלט און דער קינד האט זיך בארויגט, פון דארט איז ער אהיים א רואיגער קינד און נאך זייענדיג אויפ'ן וועג אהיים האט ער איינגעדרימלט אויף מיינע הענט.

ווען איך בין אנגעקומען אהין און זיך אנטשולדיגט פאר'ן דאקטאר זאגנדיג אז איך האב נישט געטראכט אים צו קלינגען אין אזא שעה, איך האב נאר געוואלט איבערלאזן א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן, האט דער דאקטאר מיר דערציילט וואספארא השגחה פרטית ער האט דא מיטגעלעבט.

"איך האב געדארפט פארן מיט מיין משפחה דאווענען שחרית ביים כותל המערבי', און בטעות האב איך נעכטן פארגעסן דא מיין תפילין. איך בין אריינגעקומען אין אפיס אויף א האלבע מינוט, צו נעמען מיינע תפילין און ארויסגיין פון דא און פונקט אין יענע מינוט האסטו אריינגעקלונגען. איך האב געהערט ווי דו מוטשעסט זיך מיט דיין קינד און איך האב באשלאסן אז איך קען נישט גיין דאווענען שחרית און לאזן א קינד זיך אזוי וואלגערן פאר יסורים, האב איך דיר געזאגט אז דו זאלסט אהערקומען.

פון הימל האט מען צוגעפירט" - האט דער דאקטאר אויסגעפירט - " אז פונקט אין יענע סעקונדע זאלסטו אריינקלינגען".

די פאראינטרעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

• § • § •

# טיב המעשיות

**"ויוסף הוא השליט על הארץ, הוא המשביר לכל עם הארץ"**
**בראשית מב, ו**

עס ווערט געברענגט אין מדרש תנחומא (נשא כח): דער אויבערשטער האט געזאגט צו יוסף, דו האסט נישט צוגעהערט צו די פרוי פון פוטיפר, שוואר איך ביי דיין לעבן אז איך וועל דיר מאכן קעניגן אויף מצרים און יעדער איינער וועט צוהערן צו דיר. און אזוי שטייט אין פסוק "ויוסף הוא השליט על הארץ הוא המשביר" וכו' און אין מדרש שטייט (ילקוטי משלי יא רמז תתקמז): "וברכה לראש משביר" (משלי יא, כו), דאס מיינט מען יוסף אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "ויוסף הוא השליט הוא המשביר לכל עם הארץ", וואס ער האט געשפייזט די גאנצע וועלט.

זעען מיר, אז אין זכות וואס יוסף האט געוועלטיגט אויף זיין יצר הרע, איז ער געווארן א הערשער אויף עליונים ותחתונים, עס איז מקוים געווארן ביי אים דאס וואס עס שטייט אין פסוק "ותגזר אומר ויקם לך". ער האט געשפייזט יעדן מיט עסן און האט באקומען דעם כח פון בענטשן, אזוי ווי עס שטייט "ברכות לראש משביר". און צו דאס אלעס האט ער זוכה געווען אין זכות פון דעם וואס ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון.

•••

פאלגנד איז א מורא'דיגע מעשה איבערן כח הברכה וואס איז געקומען דורכן ביישטיין א נסיון, וואס איז פארגעקומען ביי מרן אור שבעת הימים, דער בעל שום טוב הקדוש זיע"א.

איינמאל איז געקומען צום הייליגן בעל שם טוב א חשוב'ע משלחת פון די אידישע קהילה אין איינע פון די שטעט, וועלכע האבן געליטן פון א שווערע עצירת גשמים און האבן זיך געבעטן ער זאל מעורר רחמים זיין אויף זיי, וויבאלד זייער גאנצע פרנסה איז געשטעלט אויף דאס וואס עס וואקסט אין די פעלדער און יעצט, אז עס האט נישט גערעגנט, האט געשוועבט א שווערע גזירה פון הונגער, איבער זיי און זייערע קינדער, רחמנא ליצלן.

ווען דער בעל שם טוב האט געהערט זייער בקשה, האט ער זיי געזאגט אז זייער ישועה וועט קענען קומען נאר דורך א געוויסער איד וועלכער וואוינט אין א פארוקטע שטעטל ווייט אוועק, מיטן נאמען "רבי יעקב". און אויב וועט זיי געלונגען צו באקומען פון אים א ברכה אויף רעגן, זאלן זיי וויסן אז זיי זענען געהאלפענע, וויבאלד נאר ער האט דעם כח זיי צו בענטשן און צו מבטל זיין פון זיי די גזירה פון עצירת גשמים.

האט זיך די גרופע גלייך ארויסגעלאזט אין וועג צו יענעם פארוקטן שטעטל און אנקומענדיג אהין האבן זיי גענומען פארשן איבער דעם איד מיטן נאמען "רבי יעקב", צו וועם דער בעל שם טוב האט זיי געשיקט. אין אנהייב האבן זיי געמיינט אז ער איז זיכער איינער פון די צדיקים פון שטעטל, מעגליך אפילו דער רב און אב בית דין פון די קהילה, אבער נאכן אויספארשן און אויסטרעפן אז נישט נאר איז נישטא אין שטאט קיין שום צדיק מיטן נאמען רבי יעקב, נאר אויך צווישן אלע תלמידי חכמים אין שטעטל איז נישטא קיינער וואס טראגט דעם נאמען רבי יעקב, האבן זיי פארשטאנען אז ער איז זיכער איינער פון די צדיקים נסתרים און האבן גענומען זוכן און פארשן וואו עס געפינט זיך דא אפילו א פשוט'ער איד מיטן נאמען 'רבי יעקב'. זיי האבן אבער אזא איד אויך נישט געפונען און וויפל זיי האבן געזוכט און זיך נאכגעפרעגט ביי מענטשן, האט קיינער נישט געקענט איינעם מיט דעם נאמען.

אבער זיי האבן נאך אלץ נישט אויפגעגעבן, פארשטייענדיג אז אויב האט זיי דער בעל שם טוב דא אהערגעשיקט, מוז זיכער זיין אז עס איז דא אין דעם ארט א איד מיט דעם נאמען. נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האבן זיי אנגעהויבן אריבערגיין פון הויז צו הויז און פון טיר צו טיר, זוכנדיג א איד מיטן נאמען יעקב. ביז צום ענד האבן זיי געפונען אין איינע פון די אלטע הייזקעלעך ביים עק פונעם שטעטל, א איד מיטן נאמען "יעקב", וואס קיינער האט אים נישט געקענט.

צו זייער גרויסן אנטוישונג, ווען זיין פרוי האט געהערט זייער פארלאנג, אז זיי ווילן בעטן א ברכה פון איר מאן, האט זי זיך ארויסגעלאזט זאגנדיג אז זיי האבן זיכער א טעות געהאט מיטן אדרעס, וויבאלד איר מאן איז א פראסטער שיכור וועלכער איז פארקויפט אויפן ביטערן טראפן. גלייך ווען ער שטייט אויף אינדערפרי טרינקט ער זיך אן און אזוי גייט ביי אים אריבער דער גאנצער טאג מיט טרינקען און שלאפן...

וויבאלד עס איז אבער נישט געווען קיין אנדער איד אין שטעטל מיטן נאמען "יעקב", האבן זיי פארשטאנען אז עס מוז זיין ער און מעגליך איז ער פון די צדיקים נסתרים. אבער אויך ווען זיי האבן אים באטראכט פון דער נאנט, האבן זיי גארנישט געזען אין אים, אויסער די הנהגה פון נאכלויפן דעם ביטערן טראפן, ווי גלייך ווען ער שטייט אויף אינדערפרי ביז ביינאכט טוט ער נאר דאס, ביז ער שלאפט איין שיכור'ערהייט. אויסער דעם טוט ער גארנישט.

לויטן באפעל פונעם בעל שם טוב האבן זיי געדארפט צוגיין צו אים און אים בעטן א ברכה אויף רעגן. עס איז געווען אוממעגליך צו רעדן מיט אים, וויבאלד ער איז אלעמאל געווען שיכור. זיי האבן אבער געטראפן אן עצה. נאך איידער ער איז אויפגעשטאנען פון שלאף, האבן זיי באהאלטן אלע פלעשער וויין, און ווען ער איז אויפגעשטאנען און געבעטן צו טרינקען, זענען זיי צוגעגאנגען צו אים און אים געזאגט אז מען וועט אים געבן די וויין נאר אויב ער וועט זיי בענטשן אז עס זאל בטל ווערן דאס עצירת גשמים אין זייער שטאט.

ווי נאר זיי האבן ארויסגעזאגט זייער בקשה האט דער שיכור געזאגט צו זיי: "נו, וואס שטערט מיר אז עס זאל בטל ווערן? איך בענטש אייך אז עס זאל בטל ווערן די גזירה און עס זאל גיין רעגן, דער עיקר געבט נאר אהער די וויין!" הערנדיג די ברכה וואס ער האט זיי געבענטשט האבן זיי אים געגעבן די וויין און זענען צוריקגעפארן צו זייער וואוינארט. און דער וואונדער האט פאסירט, די גזירה טאקע בטל געווארן, די הימלען זענען געווארן פארוואלקנט, און גשמי ברכה האבן זיך אראפגעלאזט מיט גרויס שפע און אלעס איז געוואקסן בהרחבה גדולה וואס פילע יארן האבן די איינוואוינער נישט געדענקט אז עס זאל זיין אזויפיל שפע ווי יענעם יאר.

ווען די אידן זענען דערנאך געקומען צום בעל שם טוב הקדוש אים צו באדאנקען, האבן זיי אים געפרעגט איבער יענעם איד, פון וואו קומט צו אים אזעלכע וואונדערליכע כוחות אינדערצייט וואס זיי האבן נישט געזען ביי אים

המשך אין עמוד ד'

קיין שום צייכנס פון צדקות און גדלות און עס האט נישט אויסגעזען אז ער איז איינער פון די צדיקים נסתרים. אויב אזוי, פון וואו איז זיין כח?

ראט דער בעל שם טוב זיי מגלה געווען דעם ענין פון יענעם איד. אז ער איז אמאל געווען א זינדיגער מענטש און א גרויסער בעל תאוה. איינמאל האט ער געהערט אז אין א ווייטע שטאט וועט ער קענען דערגרייכן עפעס אן עבירה, אבער ער וועט מוזן צאלן דערפאר פינף הונדערט גילדן! דאס איז געווען א ריזן פארמעגן, אבער וויבאלד זיין יצר הרע האט געברענט אין אים, האט ער פארקויפט זיין גאנצן פארמעגן און האט זיך נאך געדארפט אסאך מוטשען ביז ער האט דערגרייכט די גאנצע סומע.

האבנדיג די גאנצע געלט מיט זיך, האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג מיטן ציל צו אנקומען צו יענער זאך. אבער דורכגייענדיג איינע פון די דערפער האט ער געהערט א ביטער געשריי, און א הארצרייסנדער געוויין פון קינדער. גאנץ שנעל האט ער אויסגעפונען וואס דאס איז; א אידישער קרעטשמער מיט זיין הויזגעזינד, וואס דער פריץ האט זיי אריינגעווארפן אין גרוב וויבאלד זיי האבן נישט געהאט צו באצאלן דאס ארענדע געלט, וואס האט זיך אנגעקליבן אין עטליכע יאר צו א גרויסן חוב. ווי דער שטייגער פון די פריצים אין יענע צייטן, אז זיי האבן געקענט טון וואס זיי האבן געוואלט, און האבן געוועלטיגט אויף די אידן מיט א שטארקע האנט.

דאס געוויין האט אים זייער באנומען און ווען ער האט זיך אינטערעסירט וויפיל איז דער סכום וואס זיי זענען שולדיג פארן פריץ, האט ער אויסגעטראפן אז דאס איז פונקט פינף הונדערט גאלדענע רענדלעך, די זעלבע סומע וואס ער האט מיטגענומען מיט זיך כדי צו טון די עבירה. אויפן ארט האט זיך אנגעצונדן אין אים דער געפיל פון רחמנות וואס איז איינגעווארצלט אין יעדע אידישע נשמה, און עס האט אים ארומגענומען א געוואלדיגער חשק מקיים צו זיין די גרויסע מצוה פון פדיון שבויים און ראטעווען א גאנצע אידישע משפחה.

ער האט געטראכט צו זיך אז די עבירה וועט דאך אים נישט ברענגען קיין שום פארדינסט, און א רגע נאכדעם וואס די תאוה וועט זיך ענדיגן וועט ער דאך בלייבן אן גארנישט. אויב אזוי, פארוואס זאל ער דערלייגן אזא ריזיגע סומע געלט פאר אזא הארבע עבירה? ענדערש זאל ער טון א מצוה מיט די געלט און ער זאל שוין יעצט בלייבן ארעם אזוי ווי ער וואלט געווען נאך די עבירה.

ער איז גלייך צוגעלאפן צום פריץ מיט זיין פעקל געלט און אים אפגעציילט דעם גאנצן סכום ביז צו די לעצטע פרוטה, אפצאלנדיג דעם חוב בשלימות, און האט ארויסגענומען די משפחה אויף דער פריי ראטעווענדיג זיי פון זייער ביטערן גורל. אבער ער אליין איז דאן געבליבן ארעם, אן גארנישט, און ער איז ארום געגאנגען פון שטאט צו שטאט און געקליבן נדבות.

אין הימל איז געווארן א געוואלדיגער רעש פון דאס וואס ער האט געטון. אז אנשטאט די הארבע עבירה וואס ער האט געוואלט טון, האט ער מקיים געווען די גרעסטע מצוה און האט געראטעוועט עטליכע אידישע קינדער. איז נגזר געווארן אויבן, אז אין זכות פון דעם וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען צו ראטעווען אידן אן דעם וואס ער האט זיי געקענט, וועלן אלע זיינע ברכות מקוים ווערן, סיי פאר וועמען ער קען און סיי פאר וועמען ער קען נישט, אזוי ווי ער האט געברענגט אזא ברכה פאר א אידישע משפחה וועם ער האט בכלל נישט געקענט. און אזוי ווי מיר געפינען אין אונזער פרשה ביי יוסף הצדיק, אז אין זכות פון דעם וואס ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון האט ער זוכה געווען צו "ברכה לראש משביר", אז ער זאל זיין דער וואס איז משפיע פאר אלע אידן.

און פון דעמאלט האט ער אנגעהויבן בענטשן אידן און יעדער האט געזען אז זיינע ברכות ווערן גלייך מקוים. ער איז באקאנט געווארן ביי אידן אלס איינער וואס זיינע ברכות ווערן מקוים און ווער עס האט געדארפט עפעס א ישועה פלעגט אים ברענגען געלט און ער האט אים געבענטשט. פונקט אזוי ווי די ווערטער וואס ער האט ארויסגעזאגט פון זיין מויל, גענוי אזוי איז געשען.

נאר וויבאלד ער איז נישט געווען א צדיק, האט ער נישט געוואוסט וויאזוי אכטונג צו געבן ביי זיינע ברכות, צו בענטשן נאר דארט וואו עס פעלט אויס, און ער פלעגט אויך בענטשן פאר רשעים, מיט ברכות פון וועלכע עס האט געקענט ארויסקומען א חילול השם, רחמנא ליצלן. אבער וויבאלד חז"ל זאגן אז פון הימל געבט מען נאר, אבער מען נעמט נישט צו, דעריבער איז נגזר געווארן אויף אים אז ער זאל זיין א "שיכור" א גאנצן טאג, כדי ער זאל נישט קענען אויסניצן דעם כח פון זיינע ברכות.

פונדעסטוועגן, ווען עס געלונגט יא ארויסצונעמען א ברכה פון אים - האט דער בעל שם טוב אויסגעפירט צו די שטוינונג פון די מענטשן ארום אים - ווערט די ברכה גלייך מקוים, און דערפאר זענט איר אזוי וואונדערליך אויפגעראכטן געווארן.

מיט די מעשה האבן מיר ערקלערט, אויף אן אנדער ארט, דעם ענין פון שמחת פורים וואס חז"ל זאגן אונז אן אז מען זאל טרינקען ווײן (מגילה ז:) און נתבסם ווערן דערפון "עד דלא ידע". נאכמער ווי דער חיוב שמחה וואס איז דא ביי אנדערע ימים טובים.

דאס איז דערפאר ווייל מיר פסק'נען (סי' תרצד ס"ג) אז "כל הפושט יד נותנים לו", וואס דאס איז מרמז אז אויך אויבן אין הימל טוט מען ערפילן אלעס וואס אידן וועלן בעטן אינעם יום טוב פורים. און וויבאלד נישט יעדער איינער איז אין די מדריגה פון א צדיק, צו קענען אכטונג געבן אויפן געוואלדיגן כח פון די ברכות און תפילות, קענענדיג אויסנוצן דעם טאג אויך אויף זאכן וועלכע זענען נישט גוט, ח"ו.

דעריבער זענען מיר באפוילן געווארן צו טרינקען אום פורים, כדי מען זאל פארלירן דעם דעת "עד דלא ידע", כדי מען זאל זיך נישט באניצן מיטן כח הברכה והתפילה אויף זאכן וואס זענען נישט צום גוטן, אדער זענען נישט פאר כבוד שמים.

און מיר לערנען זיך פון די מעשה דעם גרויסן שכר פארןביישטיין א נסיון, נישט דורצופאלן אין אן עבירה. אז נישט נאר איז מען זוכה מיט א ברכה פאר זיך אליין, נאר מען באקומט אויך א כח הברכה צו בענטשן אידן, און עס ווערט מקוים די בחינה פון "ברכה לראש משביר".


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער ... תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פז



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173